# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

**נומער 13 • דאנערשטאג, כ"ג כסלו תשפ"ז • 3טן דעצעמבער 2026 • פרשת וישב**

וְהִנֵּה תְסֻבֶּינָה אֲלֻמֹּתֵיכֶם וַתִּשְׁתַּחֲוֶיןָ לַאֲלֻמָּתִי

בראשית לז, ז

**אין דעם נומער**

**„אי' הקדשה היא בעינים על הדרך“**
גרוש • לכבוד שבת

**וואס טייטשט „כתונת פסים“?**
א שמועס אויף דער סדרה

**ערב שבת חנוכה און פלג המנחה**
בעל_גאוה • הלכה

**ליקוי המאורות**
דיכטער • וויסנשאפט

**דער מונקאטשער רב**
צו כ"ז כסלו • אנשי שם

**„חלום חלמתי“**
זר זהב • הומאר

נומער 13 • דאנערשטאג, כ"ג כסלו תשפ"ז
3טן דעצעמבער 2026 • פרשת וישב

# ארכיוו

**הקדמה**

# חלומות און ליכט

טײַערע לייענער,

די וואך לייענען מיר פרשת וישב – „וישב יעקב בארץ מגורי אביו“. יעקב אבינו וויל זיך שוין אוועקזעצן בשלוה, און גלייך הייבט זיך אן די מעשה פון יוסף און זיינע ברידער: די כתונת פסים, די חלומות, דער בור און די מכירה. די סדרה איז פול מיט חלומות – פון אלומות אויפן פעלד, פון זון, לבנה און שטערן, פון א וויינשטאק און פון קערב מיט ברויט – און ממילא איז דער נומער אויך א ביסל א נומער פון חלומות. און ווייל שבת פרשת וישב איז הײַ־יאר שבת חנוכה, שיינט שוין דורך די זייטן דאס ערשטע חנוכה־ליכטל.

אין אונזער הויפט־ארטיקל גייט „גרויש“ דורך דער סדרה פון „אלה תולדות יעקב יוסף“ ביז יהודה און תמר, און ער פירט עס אויס מיט א חנוכה־געדאנק. אויף היידפארק האט מען אין תשס"ו געפרעגט וואס טײַטשט „כתונת פסים“ און ווי האט געהייסן פוטיפר'ס ווייב. דער הלכה־שמועס איז א שאלה פאר דעם קומענדיגן פרייטאג: ווען איז פלג המנחה ערב שבת חנוכה, און צי מען מעג צינדן פאר דעם.

אין „תורה און וויסנשאפט“ ערקלערט „דיכטער“ ווי אזוי די זון און די לבנה ווערן פארדונקלט – די זעלבע מאורות וואס האבן זיך געבוקט צו יוסף'ן אין חלום.

קומענדיגן מאנטאג, כ"ז כסלו, איז די יארצייט פונעם מונקאטשער רב, רבי ברוך ראבינאוויטש, און מיר ברענגען א בריוו און זכרונות פון קאווע שטיבל. אין „הומאר“ שפילט מען זיך אין פותר חלומות. דערצו קומען די פעסטע קאלומס: „יארצייטן פון דער וואך“, „פערל פון די ארכיוון“, „היינט מיט . . . יאר צוריק“ און „די תגובה פון דער וואך“.

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די ווערטער זענען זייערע; מיר האבן מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט „[פארקירצט]“.

א גוט שבת, א פריילעכן חנוכה, און האט הנאה פון לייענען!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „אי' הקדשה היא בעינים על הדרך“ • גרויש | **3** |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | וואס טײַטשט „כתונת פסים“? און ווי האט געהייסן פוטיפר'ס ווייב? • קרעמער, פענסטער, זארעכפעפער און אנדערע | **5** |
| **הלכה־שמועס** | ערב שבת חנוכה: צינדט מען פאר אדער נאך פלג המנחה? • בעל_גאוה, שלומשטוב און אנדערע | **9** |
| **תורה און וויסנשאפט** | ליקוי המאורות – ווען די זון און די לבנה ווערן פארדונקלט • דיכטער | **11** |
| **אנשי שם • צו כ"ז כסלו** | רבי ברוך ראבינאוויטש, דער מונקאטשער רב • קאווע טרינקער, דולה ומשקה און אנדערע | **14** |
| **הומאר** | „חלום חלמתי ופותר אין אותו“ • זר זהב, קאווע טרינקער און אנדערע | **16** |
| **היסטאריע** | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | **18** |
| **לוח** | יארצייטן פון דער וואך • כינר1 | **20** |
| **קורץ און שארף** | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | **21** |
| **קאלום** | די תגובה פון דער וואך • berlbalaguleh | **22** |
| **מקורות** | מקורות • די רעדאקציע | **23** |

לכבוד שבת קודש

# „אי' הקדשה היא בעינים על הדרך“

די וואך פון פרשת וישב איז די וואך פון „מעשה אבות סימן לבנים“: יוסף און זיינע ברידער, ראובן ביים בור, יהודה און תמר. „גרוש“ האט די שטיקלעך געשריבן ליל חמישי פון פרשת וישב תשע"ו, און ער פירט זיי אויס מיט א ליכטיגן געדאנק פאר חנוכה.

פון **גרוש** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • אחיעזר • „אי' הקדשה היא בעינים על הדרך“ • 3טן דעצעמבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9869.html#p311175

ליל חמישי לסדר "אי' הקדשה" א"ך לחודש כסליו תשע"ו לפ"ק

שטייענדיג אין דער וואך פון פרשת וישב, אין די וואכן וואס מ'ליינט "מעשה אבות סימן לבנים" די השתלשלות פון בריאת העולם און פון די אבות הקדושים און פון די שבטי קה וויאזוי עס האט זיך געבויט א כלל ישראל, און ווי די גמרא זאגט "יפה שיחתן של עבדי אבות יותר מתורתן של בנים" אז אפילו די שמועס פון די "עבדי אבות" איז חשוב'ער ווי די חלק התורה וואס רעדט פון הלכות און דינים, איז דאך כל שכן ווען מ'רעדט פון די אבות אליין, אויף אסאך א העכערע בחינה, בפרט די וואך פרשת וישב, וואס דאס איז דער יסוד, פון אלע מאורעות וואס האט פסירט בעבר ובהוה און וועט פאסירן ביי כלל ישראל עד סוף כל הדורות, כידוע ליודעים, ובפרט דער יסוד פון קדושתן וטהרתן של ישראל וואס איז מרומז אין דער סדרה.

האב איך געטראכט צו נעמען די פעדער (קיבאורד) אין דער האנט און אביסל צולייגן וואס מ'נעמט אלץ ארויס פון די פרשיות פון די וואך, ובפרט מיינע געפילן, שטייענדיג אין דער וואך וואס מ'ליינט די פרשיות.

### אלה תולדות יעקב יוסף

דער צווייטער פסוק אין דער סדרה "אלה תולדות יעקב יוסף" זאגט רש"י אויפן פלאץ, אז דער פסוק איז א הקדמה צו דער גאנצער תורה און אפילו צו די סיפורים אין נ"ך, אלה תולדות של יעקב, די ערשטע זאך איז געווען "יוסף בן שבע עשרה שנה" דורך דעם איז נתגלגל געווארן אשת פוטיפר, און דורך דעם איז יוסף הצדיק אנגעקומען אין מצרים און דאס האט געברענגט די שעבוד, ביז ס'איז געווען פסקה זוהמתן און כלל ישראל האט מקבל געווען די תורה, ובפרט איז גלות מצרים נאר געווען די הקדמה אז אידן זאלן זיך קענען שפעטער האלטן אין אנדערע צרות וגליות, כידוע, און ווי מיר זען אין פרשת שמות אז הקב"ה האט געזאגט פאר משה רבינו "אהי-ה אשר אהי-ה" ווי רש"י איז מסביר אהיה עמהם בצרה זו אשר אהיה עמהם בשאר גליות.

טאקע עד היום הזה, איז דא א חיוב "למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך", יעדע שבת און יו"ט ביי קידוש זאגט מען "זכר ליציאת מצרים" ווייל די גאנצע קדושה פון כלל ישראל עד היום הזה, איז דער יסוד געווען בארץ מצרים בעמק הקליפות פון ערות הארץ, ווי דער פסוק זאגט "כמעשה ארץ מצרים לא תעשו", און דארט האט זיך כלל ישראל געהאלטן בקדושה ווי חז"ל זאגן "מלמד שהיו ישראל מצויינים שם", שלא שינו שמם לשונם ומלבושם.

אלעס האט זיך אנגעהויבן אין פרשת וישב, יוסף הצדיק איז אנגעקומען קיין מצרים צום הויז פון פוטיפר, דארט האט ער געהאט די באקאנטע נסיון פון "אשת פוטיפר" ותאמר שכבה עמי, ויהי כהיום הזה ויבא הביתה לעשות מלאכתו, וגו' זאגט די גמרא אויף דעם פסוק, אז יוסף הצדיק האט געהאלטן ביים דורך פאלן, נראה לו דמות דיוקנו של אביו, און דאס האט אים געהאלפן, אז ער האט געקענט זאגן "וימאן" מיט א שלשלת, "ולא שמע אליה לשכב אצלה להיות עמה" ובזכותו נגדרו כל ישראל, דאס וואס כלל ישראל קען זיך האלטן בקדושה עד היום אין די גרעסטע נסיונות קומט פונעם כח פון יוסף הצדיק, "אלה תולדות יעקב יוסף" דאס וואס כלל ישראל קען זיך נאך מתייחס זיין אויף די אבות, דאס קומט נאר דורך דעם וואס איז דעמאלט געווען "נראה לו דמות דיוקנו של אביו", אלה תולדות יעקב די "נראה לו דמות דיוקנו של יעקב" דאס האט געהאלפן "יוסף" אז כלל ישראל קען זיך האלטן בקדושת יוסף הצדיק.

### וישב ראובן אל הבור — סמיכת ר' תנחום

יוסף בן שבע עשרה שנה הי' רועה את אחיו בצאן, מ'האט אים מגלה געווען אין חלום פארשידענע ענינים אינעם עתיד פון כלל ישראל, ער האט דאס פארציילט פאר די ברודער, און זיי האבן געהאט קנאת סופרים ווי עס ווערט געברענגט אין די ספרים, און זיי האבן אים אריין געווארפן אין א גרוב, וואס פון דארט איז ער

געווארן פארקויפט קיין מצרים צו פוטיפר, וואס פון דעם איז ארויסגעקומען א ישועה פאר כלל ישראל לדורות כנ"ל.

בשעת ווען יוסף הצדיק איז געזיצן אינעם בור פארציילט אונז די תורה "והבור רק אין בו מים" ווי די גמרא דרשנ'ט, ווי אויך זאגט עס רש"י אויפן פלאץ, מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו, און די קדושה פון יוסף הצדיק האט אים געהאלפן אז ער איז ניצל געווארן, ווי די זוה"ק איז מסביר אז כאטש פון די ברודער איז ער נישט ניצל געווען זיי האבן אים פארקויפט, איז נאר ווייל זיי זענען געווען בעלי בחירה "זעירין אינון וואס ווערן ניצל פון בעלי בחירה", אבער נחשים ועקרבים זענען נישט קיין בעלי בחירה איז ער ניצל געווארן.

אין דער זעלבער צייט וואס די שבטי ק-ה האבן פארקויפט זייער ברודער איז די עלסטער נישט דארט געווארן, זאגט דער פסוק "וישב ראובן אל הבור והנה אין יוסף בבור" ווי די גמרא דרשנ'ט פון "וישב ראובן" אז ער איז געווען עסוק בשקו ובתעניתו על שבלבל יצועי אביו, ווי די מדרש זאגט "הילד איננו ואני אנא אני בא ממעשה בלהה", פון דא איז דער יסוד פון "תשובה" ביי כלל ישראל, אפילו אויף די פגמים, ווי די מדרש זאגן אויף דעם פסוק, "אתה פתחת בתשובה תחלה חייך שבן בנך פותח בתשובה שנאמר "שובה ישראל עד ה' אלוקיך"

אין דער גמרא אין מסכת שבת איז דא די באקאנטע סמיכת ר' תנחום, ווי אלע ספרים רעדן דערפון אין דער וואכעדיגער סדרה, דרש ר' תנחום ממשמע שנאמר "והבור רק" אינו יודע שאין בו מים, אלא מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו, דרש ר' תנחום נר חנוכה שהניחה למעלה מעשרים אמה פסולה כסוכה וכמבוי, ביידע זענען מעניני דיומא פון דער וואך, סיי די פסוק "והבור רק" וכו', און סיי די ענין פון נר חנוכה, בעת ווען פרשת וישב געפאלט אלץ די אנהייב אדער בעפאר די אנהייב פון הייליגן יו"ט חנוכה, ווי עס ווערט דערמאנט אין די ספרים ובפרט אין בני יששכר, אז די גאנצע יו"ט חנוכה, איז אן ענין "ירדה שכינה למטה מעשרה", אפילו די וואס זענען בשפל המצב און האלטן ליידער אין א מצב פון "וישב מאחריך" שיינט אריין די אור פון נר חנוכה למטה מעשרה טפחים.

והבור רק אין בו מים, ווייל יוסף הצדיק האט זיך געהאלטן בקדושה און זיך נישט געלאזט אריין פאלן אין די מים הזדונים כאטש נחשים ועקרבים יש בו, דער כח הקליפה פון נחש הקדמוני, בזכותו נגדרו כל ישראל, אז ווען מ'ליינט די פרשה איז קריאה מעורר הזמן, אז ווען מ'גייט אריין אין די טעג לימי החנוכה, איז נר חנוכה שהניחה למעלה מכ' פסולה ווייל עס דארף זיין למטה מעשרה טפחים, וואס איז מרמז אז די שכינה קומט אראפ אין די טעג למטה מעשרה טפחים, אפילו בשפל המצב.

[פארקירצט]

## מעשה י-הודה ותמר

ווי אויך שטייט אין דער סדרה די מעשה פון תמר, וואס פון דעם איז אויך דא א געוואלד מיט לימודים אין די ענינים, די גאנצע פרשה ווי באקאנט איז נישט צום פארשטיין לפי פשוטו, עס איז נאר געווען הכנה ולימוד לדורות, ווי די גמרא לערנט ארויס פיל מיט זאכן פון דער פרשה, ווי "נוח לו לאדם שיפיל בתוך כבשן האש ואל ילבין פני חבירו ברבים" ועוד.

עס איז באקאנט די הייליגע ווערטער פון "בת עין" אויף דער פרשה "ויהי כמשלש חדשים ויגד לי-הודה לאמר הנה זנתה תמר כלתיך" אידן זענען געזיצן אין בית מדרש די הייליגע טעג מ'האט תשובה געטון מ'האט זיך מקבל געווען אויפן נייעם יאר, ויהי כמשלש חדשים מ'האלט שוין די צווייטע העלפט פון דריטן חודש פון יאר, חודש כסליו, ויגד לי-הודה פאר הקב"ה וואס דער שם הוי"ה ליגט אין דעם נאמען י-הודה, הנה זנתה תמר כלתיך, כנסת ישראל כלה קרואה וואס איז דמתה לתמר האט זיך שוין נאכאמאל פארזינדיגט, וגם הנה הרה לזנונים מ'איז צוגעבינדן צו די חטאים, ויאמר י-הודה הקב"ה זאגט ח"ו הוציאוה ותשרף, היא מוצאת לשריפה והיא שלחה אל חמיה לאמר כלל ישראל זאגט פאר הקב"ה לאיש אשר אל"ה לו אנכי הרה, אפילו בשעת החטא, זענען מיר צוגעבינדן צו הקב"ה, די מקור החסד וואס "חסד" איז גימטרי"א אלה לו, מיר זענען צוגעבינדן צו די ל"ו נרות חנוכה און צו דער תורה הקדושה די ל"ו מסכתות פון ש"ס, הכר נא למי ה"חותמת והפתילים" די הייליגע מצוה פון נר חנוכה די שמן וואס איז געווען נחתם בחותמו של כהן גדול, און די קנויטן די פתילים.

קען זיין נאר מער, כלל ישראל זאגט פאר הקב"ה אפילו אויב ס'איז אמת, איז דער כח פון נר חנוכה אז אפילו "מעולם לא ירדה שכינה למטה מעשרה" קומט די שכינה אראפ, למטה מעשרה טפחים, אפילו "פתילות ושמנים שאין מדליקין בהן בשבת" א גאנץ יאר מפני שהאור מסכסכת, די אידישן פונק איז ליידער אין דער בחינה פון "נר אלקים טרם יכבה", מדליקין בהן בחנוכה, חנוכה קען מען עס צוריק אויפלאמען.

## אי' הקדשה היא בעינים על הדרך

ווי אויך איז באקאנט נאך א טייטש פון הייליגן "בת עין" אין דער פרשה "אי' הקדשה היא בעינים על הדרך" אז די קדושה פון איד ליגט אין די אויגן, ווען מ'איז אונטערוועגנס, צו מ'היט זיך די אויגן צי נישט.

## מכאן ואילך בדמעות עינים

מיר שטייען יעצט פרשת וישב די אכטע וואך פון סדר בראשית, בחודש השמיני פון ניסן, זייך גרייטענדיג צו די ח' נרות אין די

שמונת ימי חנוכה, און ביי מיר איז דאס ליידער שוין סוף פון שנה השמיני אין דעם מצב פון "אי' הקדשה היא בעינים על הדרך"

"אי' הקדשה" וויזוי קען מען זיך פירן בקדושה "בעינים" ס'איז מכלות עינים מ'קוקט ארויס בכליון עינים " על הדרך", ווי די גמרא זאגט אין דעם ערשטן בלאט אין מסכת קידושין, אז חתונה האבן ווערט אנגערופן דרך דדרכו של איש לחזר אחר אשה "ודרך גבר בעלמה כן דרך אשה מנאפת", מ'איז שוין ליידער אזוי לאנג אויפן דרך לחזר אחר אשה, על משכבי בלילות בקשתי את שאהבה נפשי, מיר זענען שוין 8 יאר אויפן וועג, אבער ליידער "בקשתי ולא מצאתי", נאך אלץ נישט געטראפן, מיר שטייען שוין נאכאמאל אין די לאנגע ווינטער נעכט, על משכבי בלילות, ועדיין לא מצאתי מרגוע לנפשו, אין די ספרים ווערן די נעכט גערופן די הייליגע נעכט, אי' הקדשה, וויאזוי קען מען פירן די נעכט בקדושה בעינים על הדרך, עס שטייט פון עטרת צבי פון זידיטשויב אז א איד קען זיך אויסבעטן ווינטער פארטאגס פונקט ווי יו"כ ביי נעילה, בעת די שורות ווערן געשריבן שטייען מיר באשמורת הבוקר בימות החורף, בעינים על הדרך, בדמעות בין ריסי עיני, על הדרך, מתי אעשה גם אנכי לביתי, ווען וועלן מיר שוין אנקומען צום דרך גבר בעלמה, צום דרך נשים לי, איך בין דאס יאר אויך געווען יו"כ ביי נעילה אין ביהמ"ד און זיך מקבל געווען צום נייעם יאר, טראכטענדיג נאכאמאל ווי די עטליכע יו"כ בעפאר, אי' הקדשה וויזוי קען מען זיך מקבל זיין קדושה, וויזוי קען זיין "וימאן" מיט א שלשלת, ווען מיר זענען נאך ליידער נישט זוכה צו ציען ווייטער די שלשלת, בעינים על הדרך, הייליגע באשעפער ביזט דאך א יודע תעלומות דו ווייסט אז אין דעם מצב איז נישט מעגליך עס זאל זיין יעיד עליו יודע תעלומות, עס איז ליידער נישט מעגליך אפילו די אדם מקדש עצמו "מעט" מלמטה, אפילו די מעט קענען מיר אויך נישט, יעצט ווינטער פארטאגס וואס איז ווי יו"כ ביי נעילה זיך גרייטנדיג צו די הייליגע חנוכה ליכט, למטה מעשרה טפחים, ווען וועט שוין זיין מקדש עצמו מעט מ"למטה", ריב ריבי ושעה ניבי והשיבני סלחתי, זאג מיר נישט קיין צייט, זאג "יעצט" סלחתי, עס זאל שוין זיין יעיד עליו יודע תעלומות.

והבור רק אין בו מים, עס איז ליידער נאך נישט דא, די "מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה" אבל נחשים ועקרבים יש בו דער כח השטן דער נחש הקדמוני איז ליידער יא דא, נר חנוכה שהניחה למעלה מכ', בן עשרים ולא נשא כל ימיו בהרהור עבירה, נר ה' נשמת אדם, די בני יששכר זאגט אז צוויי מאל "נר" איז בגימטרי"א ת"ק כמנין רמ"ח איברין דדכרא ורנ"ב איברין דנוקבא וואס צוזאמען איז ת"ק, די נרות פון חנוכת הבית איז ליידער נתאחר עס איז שוין למעלה מכ', סאך מער ווי "בן עשרים", כסוכה מה דירה איש ואשתו אף סוכה איש ואשתו.

די בני יששכר זאגט נאך פון בעל הרוקח, אז נר חנוכה איז מרומז אין פרשת המועדות נאך דער פרשה פון סוכות אין דער פרשת פון מנורה, און סמך חנוכה אצל סוכות מה סוכות שמונה ימים אף חנוכה שמונה ימים, און מיט דעם פארענטפערט ער די באקאנט קשיא פון ב"י פארוואס דארף זיין אכט טעג חנוכה, נר חנוכה שהניחה למעלה מכ' פסולה כסוכה, נר חנוכה שטייט נעבן סוכות, נר חנוכה צינד מען על פתח ביתו, מה דירה איש ואשתו אף סוכה איש ואשתו, אין היקש למחצה, פונקט ווי נר חנוכה איז למטה איז סוכה אויך למטה, סוכה איז צילא דמהימנותא, איז אויך ירדה שכינה למטה מי', כאטש א סוכה דארף זיין למעלה מי', נאך די אכט טעג סוכות קומט אכט וואכן דערנאך אכט טעג חנוכה, און פונקט ווי סוכה איז איש ואשתו, איז חנוכה "נר איש וביתו"

איך בין ב"ה אריין די וואך אינעם שנת הל' לימי חיי, קאפיטל ל' אין תהילים איז "מזמור שיר חנוכת הבית" וואס דער מנהג אין סאטמאר איז עס צו זינגען "זאת חנוכה ביום השמיני", איז יעצט בשנה השמיני בחודש השמיני, אינעם אכטן וואך פון סדר בראשית, ווען מיר גרייטענדיג זיך צו יו"ט חנוכה וואס איז מרומז אויף חנוכת הבית כידוע, ובפרט ליום השמיני ווען מ'זינגט מזמור שיר חנוכת הבית, בשנת הל', אין דער וואך פרשת וישב וואס איז דער יסוד פון קדושה, זאל שוין זיין די חנוכת הבית, זיך צו קענען פירן בקדושה ובטהרה, און אראפ ברענגען נשמות מאוצר הגוף און עס זאל זיין ערכתי "נר", פוןביידע זייטן, כנ"ל, למשיחי און דורך דעם זוכה זיין צו "גדול יהי' כבוד הבית האחרון מן הראשון" בביגו"צ בב"א

**שמועסן אויף דער סדרה**

# וואס טייטשט „כתונת פסים“? און ווי האט געהייסן פוטיפר'ס ווייב?

אויף היידפארק האט מען אין תשס"ו יעדע וואך געשטעלט „די פראגע פון דער וואך“ אויף דער סדרה. אויף פרשת וישב האט „פענסטער“ אנגעהויבן מיט א פשוט'ן טייטש־ווארט, און פון דארט איז עס געגאנגען צו ראשונים, מדרשים און א פראגע אויף דער פראגע.

פון **קרעמער, פענסטער, זארעכפעפער און אנדערע** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

היידפארק • היימישע קרעטשמע • „~~~פראגע אויף פרשת וישב~~~“ • 18טן–25סטן דעצעמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1721069.html

**פענסטער** • 18טן דעצעמבער 2005

א גיטע וואך.

אזוויי איך זע אז קרעמער איז נאכנישט דא,
וועל איך אנפאנגען מיט דער פראגע פון די וואך.

(קרעמער, כ'האף אז דו ביסט נישט ברוגז אויף מיר.)

אזוויי איך קען נישט קיין מדרשים און ראשונים {אנפאנג וואך זעכער נישט} וועל איך פרעגן פלעין א טייטש ווארט.

וואס טייטשט "כתונת פסים"?

**טשאלענט** • 18טן דעצעמבער 2005

דוכט זיך מיר אז עס טייטשט: א זיידענע העמעדל.

אפשר נישט???

**קרעמער** • 18טן דעצעמבער 2005

א גוטע וואך פענסטער:

חס ושלום, איך ברוגז? איך ווייס קוים וואס דאס מיינט.

כתונת פסים: רש"י אויפן פלאץ טייטשט דאס אפ "א זיידענע העמדל" (ובדרך דרש ברענגט ער א מדרש אגדה אז דאס איז די ראשי תיבות פון זיינע צרות: פ'וטיפר ס'וחרים י'שמעאלים מ'דינים).

רש"י אין מסכת שבת (דף י' ע"ב) ברענגט אויך דעם פשט, און לייגט צו אז ער האט געפונען א צווייטע פשט: "פסים" איז מלשון "פס היד", אז אונטן פונעם ארבל - וואו די האנטפלאך קומט ארויס - האט ער געלייגט זייד, און נישט די גאנצע בגד איז געווען פון זיידן. (אזוי שטייט אויך אין דעת זקנים לבעלי התוס').

דער תרגום יונתן און תרגום ירושלמי שרייבן: "פרגוד מצויר", דאס מיינט א געפארבטע בעקיטשע... (אין אבן עזרא שטייט "כתונת מרוקמת", דאס מיינט אז עס האט געהאט אריינגעוועבט צורות דערין, מעשה רוקם).

דער חזקוני ברענגט אז דאס איז גאר א לשון פון "פיוס", אז ער האט אים איבערגעבעטן מיט דעם שיינעם העמדל (אויף דעם וואס די שבטים האבן אים פיינט געהאט?).

**פענסטער** • 18טן דעצעמבער 2005

האלאו קינדערלעך, עטס מיינטס איך בין א כתה א' רבי, פון דעם זיידענעם העמעדל ווייס איך אויך צו זאגן, און אז איך פרעג מיין איך נישט דעס.

קרעמער:

ווי טייטשט רש"י "א זיידענע העמדל"? דעס אז פסים איז טייטש זיידן שטאמט דאכט זיך פון די "באבע טייטש", רש"י טייטשט "כלי מילת" און לדעתי איז מילת נישט די אפטייטש פון זיידן.

**קרעמער** • 18טן דעצעמבער 2005

כיתה ג' רבי - פענסטער:

כלי מילת טייטשט: זיידן!

רש"י ברענגט אז דאס איז מלשון "כר/פס", וואס דער אבן עזרא (מגילת אסתר א', ו') שרייבט אז דאס איז "משי"="זייד".

**משנה_למלך** • 18טן דעצעמבער 2005

קרעמער עט דיס פוינט יו אר מיסטעיקען.

דער ערוך טייטש מילת, וואל. מיט כמו"כ מקורות אין חז"ל

רש"י טייטש קיינמאל נישט פסים = זיידן, עס איז גענומען פון ספה"ק פירוש ע"ט.

נאטורליך סארי פענסטער.

איך האב גראדע יא געמיינט אז דו ביסט א כיתה א' רבי.
ווער דען האט אזויפיל צייט אויב נישט א רבי אין חדר ..?

**קרעמער** • 18טן דעצעמבער 2005

***

שאלה: וויאזוי האט געהייסן פוטיפר'ס ווייב?

**קרעמער** • 18טן דעצעמבער 2005

וואס מיינט "כלי מילת"?

עס שטייט אין פסוק ועשה לו כתונת פסים (בראשית ל"ז, ג'). זאגט רש"י: לשון כלי מלת, כמו כרפס ותכלת, וכמו כתנת פסים דתמר ואמנון.

ברויך מען וויסן וואס "כלי מלת" מיינט:

גמרא שבועות (ו' ע"ב) מאי צמר לבן, אמר רב ביבי אמר רב אסי צמר נקי בן יומו שמכבנין בו למילת. איז משמע אז מילת איז א בגד פון "וואל" (זע אויך רש"י שבת נ"ד ע"א: למילת, לעשות מצמרו כלי מילת). אזוי איז אויך משמע פון תרגום יונתן (יחזקאל כ"ז, י"ח) וועלכער טייטשט אפ די ווערטער "וצמר צחר" "ועמר מילת כבינא", וואס דאס איז וואל. זע אויך אין סוטה (מ"ט ע"ב) אבל עושה אותה כיפה של מילת, זאגט רש"י "כיפה, כמו כובע של צמר לבן". רש"י אין חולין (נ' ע"ב) טייטשט אויך אפ דאס וואס די גמרא זאגט מקום שאין בו "מילת", מקום יש בכרס חלק שאין שם אותו "צמר" וכו'. זע אויך רש"י אין שיר השירים (ד', ב') אויפן פסוק שניך כעדר הקצובות שעלו מן הרחצה כו' "ליזהר בצמרן שעושין אותן לכלי מילת" וכו'.

[פארקירצט]

א סך הכל פון אלע פשטים: "מילת" מיינט א פיינע בגד פון געפארבטע שטאף (וואל, לען, אדער זייד).

**אייןסאטמאר** • 19טן דעצעמבער 2005

איך מעג פרעגין פון אן אנדערע ענין?

ווען איז לאה אמנו נפטר געווארן?

דער רמב"ן הק' זאגט אויף די ווערטער נשי אביו, אז כאטש פאריגע וואך רופט דע תורה אן בלהה וזלפה "שפחות" אבער דא וויבאלד רחל ולאה האבן שוין נישט געלעבט, רופט ער זיי שוין "נשי אביו".
רחל שטייט בפירוש פאריגע וואך אז זי איז נפטר געווארן, אבער וואו שטייט, און ווען איז לאה אוועק?

**זארעכפעפער** • 19טן דעצעמבער 2005

דער סדר הדורות ברענגט (בשם דעם שלשלת הקבלה, ועוד) אז לאה איז געשטארבן כשהי' יוסף בן שבע עשרה שנה.
(אפשר וויל טאקע דאס דער רמב"ן מרמז זיין. פי', דער פסוק דערציילט אונז דאך דא אז יוסף איז געווען שבע עשרה שנה, און טאקע דעמאלט באותו תקופה איז לאה נפטר געווארן, דעריבער זענען זיי היצט - כשהי' יוסף בן שבע עשרה שנה - געווארן נשי אביו).

**אייןסאטמאר** • 20סטן דעצעמבער 2005

דער רמב"ן הק' אין פרשת תצוה זאגט אז כתונת פסים איז א מעיל שלובשים בני מלכים.

א קליינע קשיא, פארוואס האט בנימין נישט באקומען א כתונות פסים?

**זארעכפעפער** • 20סטן דעצעמבער 2005

איינסאטמאר:

איך פארשטיי נישט דיין פראגע, דער פסוק זאגט דאך דעם טעם, וישראל אהב את יוסף מכל בניו כי בן זקונים הוא לו.

איי פארוואס טאקע האט ער מער ליב געהאט יוסף ווי בנימין?. איז לויטן פשט פון רמב"ן, כי מנהג הזקנים שיקחו אחד מבניהם וכו' איז נישט קיין קשיא, ווייל ער האט זיך געדרייט תמיד נעבן יעקב, ווי דער רמב"ן זאגט דארט דאס לשון, נשען על ידו תמיד לא יפרד ממנו.

[פארקירצט]

**איינסאטמאר** • 20סטן דעצעמבער 2005

דער דעת זקנים זאגט אז בנימין איז נאך געווען צו קליין, ער וואלט פארשמירט א שיינע קלייד.

בנוגע דעם זוהר, סארי איך האב פארגעסן, איך האב געזען א תירוץ איך געדענק נישט ווי אז די מעשה מיט קין'ס הארגענען תובל קין איז געווען נאך ווען הרן איז געשטארבן, אפילו עס שטייט שפעטער, אבער אין מוקדם.

**זארעכפעפער** • 20סטן דעצעמבער 2005

איינסאטמאר:

קודם שעקויעך פארן תי'.

וואו איז דער דעת זקנים?
דער תי' כשלעצמו איז ריכטיג, ווייל בנימין איז געווען אינגער פון יוסף בערך אכט-ניין יאר.

דער ספורנו ברענגט א טעם אויפן כתונת פסים פאר יוסף, ווייל, לאות שיהיה הוא המנהיג בבית ובשדה עיי"ש.

[פארקירצט]

אגב, פארוואס שטייט טאקע נישט אין דער תורה די מעשה פון פטירת לאה, אזוי ווי ביי רחל?
(אפשר איז דאס געווען די כוונה פון דיין ערשטע קשיא?)

**קרעמער** • 21סטן דעצעמבער 2005

זרח:

דאס אז בנימין איז געווען צו אינג פאר אזא שיינע מלבוש, שטייט נישט אין דעת זקנים, נאר אין פירוש הרא"ש על התורה.

**קרעמער** • 21סטן דעצעמבער 2005

זרח / איין ס.:

איך האב געפונען א תירוץ!!!

זעט אין זוהר הקדוש (חלק א' דף קנ"ח ע"א) היילינגע ווערטער איבער דער פארהוילנקייט פון מיתת "לאה אמינו":

וכל עובדוי דלאה באתכסיא אינון, בגיל דעלמא עלאה איהו באתכסיא ולאו באתגליא, ובגין כך לא אדכר מיתתה דלאה כמיתתה דרחל, ותא חזי דהכי הוא ודאי, בגין דעלמא עלאה כל מלוי באתכסיא, ועלמא תתאה כל מלוי באתגליא, בגין כך אתכסיא לאה במערתא דכפלתא, ורחל בגלוייא דאורחא, דא בסתרא ודא באתגליא

אין אידיש: אלע מעשים פון לאה זענען פארהוילן, ווייל זי איז רומז אויף די העכערע וועלטן וואס דארט איז אלעס פארדעקט, דערפאר ווערט איר מיתה נישט דערמאנט אין דער תורה, און דערפאר איז זי באהאלטן געווארן אין מערת המכפילה, משא"כ רחל ליגט אויף אן אפן פלאץ אינמיטן וועג, ווייל רחל איז די אונטערשטע וועלט, און לאה די אויבערשטע.

יישר כח פארן אויפברענגען די שאלה, אזוי האב איך די זכיה צו וויסן נאך א שטיקל תורה.

**geferlich** • 23סטן דעצעמבער 2005

אז איך בין שוין דא לאמיך אויך עפעס אריינרעדן.

איך האב אמאל געהערט גאנץ א גוטע דיוק דער פסוק זאגט ויהי יוסף איש מצליח, און וואס איז געווען זיין תפקיד יענער תקופה, אן עבד ביי פוטיפר, נו וויאזוי איז שייך צו זאגן אן איש מצליח אויף א ביליגער עבד וואס האט ער שוין געקענט טון אז ס'זאל רוען דארט הצלחה? מאכן ליים? פאשערן די פערד? מיסטיגן פעלדער?

איש מצליח איז געאייגנט צו זאגן אויף א גרויסער ביזנעסמאן א דעוועלאפער אן אינוועסטאר וכדומה אבער אויף א קנעכט, ווער קוקט דען אויף זיין זייט?

**קרעמער** • 25סטן דעצעמבער 2005

פענסטער:

יישר כח פאר די מראי מקומות. (לידיעתך; דער "אידיש" פון ערוך איז אויך נישט פונעם ערוך אליינס, און אפילו נישט פון דעם מגיה (בנימין?) נאר פון א דרוקער וואס האט דאס שפעטער צוגעלייגט).

תירוץ אויף דער שאלה פון די וואך: וויאזוי האט געהייסן פוטיפר'ס ווייב?

זליכה (סדר הדורות בשם ספר הישר).

---

**הלכה־שמועס**

# ערב שבת חנוכה: צינדט מען פאר אדער נאך פלג המנחה?

הײ־יאר צינדט מען דאס ערשטע ליכט ערב שבת פרשת וישב. ערב שבת צינדט מען די חנוכה־ליכט פאר די שבת־ליכט, אבער נישט פאר פלג המנחה. ווען איז פלג? א שאלה פון הײדפארק אין טבת תשס"ו, מיט מראה מקומות.

פון **בעל_גאוה, שלומשטוב און אנדערע** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

הײדפארק • חדשות אנ"ש אין בילדער • „זמן הדלקה ער"ש חנוכה – אחר פלג המנחה“ • 25סטן–28סטן דעצעמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1732967.html

---

**בעל_גאוה** • 25סטן דעצעמבער 2005

די שאלה איז צו די לומדים אויפן פארק
אלע ת"ח ווערן געבעטן צו שרייבן א תשובה

שאלה: די הלכה איז אז ער"ש חנוכה איז קודם נר חנוכה ואח"כ נר של שבת
אויך איז די הלכה אז נר חנוכה מוז מען צינדן נאכן פלג המנחה און פאר דעם קען מען נישט מאכן א ברכה
יעצט לויט די וואס האלטן פלג המנחה לשי' הגר"א אז מען רעכנט דעם טאג -יום- פון נץ ביזן שקיעה (און פאר דעם מוז מען דאווענען מנחה פאר דער שקיעה, און זמן קר"ש איז דער צווייטער זמן) איז גוט ווייל פרייטאג איז דער פלג און ZIP CODE 11211
3:39:23 און ליכט צינדן איז 4:22 איז דא גענוג צייט

אבער לפי שיטת מג"א איז דער פלג המנחה לפי ע"ב דקות שוות 4:36:23

אונז וואס אונז פירן זיך לשי' ר"ת אז דין יום איז פון עלות ביז 72 מינוט שוות אחר השקיעה און פאר דעם דאווענט נען מנחה ביז בין השמשות און מען איז מקפיד אויף זמן קרי"ש לפי זמן המג"א ווען זאל מען צידן חנוכה ליכט?
די שקיעה איז דאך 4:37:36 און אויב מען צינד חנוכה 4:36 ווען וועט די פרוי צינדן נר שבת נאך דער שקיעה?
אויב מען איז מקפיד יעדע וואך צו מקבל שבת זיין 15 מינוט פאר דער שקיעה טאר מען לכאורה נישט משנה זיין און טאמער יא איז עס א חומרא דאתי לידי קולא????

רבותי ווער עס ווייסט זאל זאגן א מיינונג

**שלומשטוב** • 25סטן דעצעמבער 2005

בעל גאוה:

לכשתמצא תירוץ פארוואס דיין ווייב מעג יעדעס וואך צינדן ליכט פאר דעם פלג המנחה, זאלסטו עס ניצן פאר דיך אליין, און אויך צינדן פאר דעם פלג המנחה.

און א הערה צדדית, די משנה ברורה פסק'נט אז מען רעכענט דעם פלג המנחה פין די עלות ביז צאת, אבער לגבי חנוכה אין הלכות חנוכה, פסק'נט ער אז דעם פלג רעכענט

מען פין די נץ ביז דער שקיעה.
די משנה ברורה פוסקים האלטן אז דאס איז נישט א סתירה, און נעמען טאקע אזוי אן להלכה, אז עס איז דא א נפק"מ צווישן חנוכה און א גאנץ יאר. (פרעג מיך נישט זייער טעם).

אבער אין אמת'ן, איז די סיבה פארוואס מען מעג צינדן פאר דעם פלג פין מג"א, וויבאלד מען איז חושש אגאנץ יאר פאר אנדערע שיטות וואס זענען מחמיר און מען איז מקבל שבת פריער. אזוי פסק'נט אויך די שו"ע הרב, עיי"ש (אין הלכות שבת, אז מען איז מקבל שבת צוויי שעה פאר שבת, און דאס איז פאר דעם פלג פין מג"א).

און ממילא חנוכה איז נישט הארבער ווי סתם א שבת, און אז מען מעג צינדן שבת'דיגע ליכט פאר דעם פלג, יהי' מאיזה טעם שיהי', מעג מען צינדן חנוכה ליכט אויך.

**yohcee718** • 26סטן דעצעמבער 2005

ר' ישראל הארפענעס איז דאס מבאר באריכות אז לגבי חנוכה נעמט מען אן שיטת הלבוש אז פלג איז א שעה מיט א פערטיל פאר דער שקיעה און ער ברענגט כמה וכמה ריאות.

אין הספר ישראל והזמנים תחת ידי, אבער ווען איך האב עס געלערנט ולפי זיכרוני היה התירוץ מספיק.

אבער אין אמת אריין אלס איז נאר א תירוץ.

באיירופה וכמבואר בהרבה מקומות האט מען געצינדן נרות שבת וגם נרות חנוכה "אחר" השקיעה, ווייל ברוב מקומות האט מען געהאלטן שיטת ר"ת לקולא ולחומרא.

נאר און דער לעצטע 2 הונדערט יאר ווען עס איז פארשפרייט געווארן דעתו של הגר"א והתניא האבן ציביסליך א סאך אידן בהרבה מקומות אן געהויבן מחמיר זיין מהשקיעה הראשונה.

[פארקירצט]

**שלומשטוב** • 27סטן דעצעמבער 2005

בעל גאוה:

דו שרייבסט און דו שרייבסט אבער די פארענטפערסט נישט.
פארוואס מעג דיין וויב צינדן ליכט לכבוד שבת פארן פלג, און דו ביסט אויך יוצא מיט דעם נרות שבת, וועןן די הלכה אין שו"ע איז קלאר אז אויב מען ציגד פארן פלג, דארף מען עס איבערצינדן, און לגבי חנוכה וואס די צינדסט און דיין וויב איז יוצא ווילסטו זיין מער פרום? פארוואס?
דער גר"א עקזיסטירט נאר פאר שבת און נישט פאר חנוכה?

די פוסקים וואס זענען מחלק צווישן שבת און חנוכה, איך האב נישט געזען וואס זיי שרייבן, אבער עס איז פשוט גרייזיג, ווייל דער גמרא "ובלבד שלא יקדים ולא יאחר" גייט ארויף הן אויף שבת, און הן אויף חנוכה, און מחלק זיין אז דער זמן איז אנדרעש דא וועןביידע שטייען אין איין גמרא איז לדעתי היבש גרייזיג.

און בעל גאוה, די מישט אויס צווישן גאונים-ר"ת, און מג"א-עולת שבת, דער מחלוקת צי מען רעכענט פין נץ ביז שקיעה, אדער עלות ביז צאת, אין דעם איז דא א סתירה אין משנה ברורה, עיין ותמצא, און אז דו האסט נישט אין דער ארבעט קוק אינדעהיים, לגבי די גאונים איז די משנה ברורה אויך נישט קלאר מכריע עיין שם.

עס איז מיר אייביג א נחת צו צוזען די אינגעלייט וואס שטיפן דאס צינדן פין נר חנוכה ווייל זיי האבן "מורא" פארן פלג, און לגבי נר שבת אגאנץ יאר, וואס איז פונקט אזא חיוב ווי נר חנוכה, און פונקט אזא פראבלעם לגבי דער הקדמה, דארט זענען זיי מחמיר! פארוואס?

[פארקירצט]

און בעל גאוה, לידיעתך, אינדערהיים האבן רוב קהלות און אונגארן און גאליציע געהאלטן דעם זמן פין ר"ת לפי האופק, דאס הייסט מען האט געטון מלאכה ביז בערך א האלבע שעה נאך דער שקיעה (אפשר אביסעל וויניגער) און געמאכט מוצאי שבת בערך זעכציג מינוט נאך דער שקיעה, אדער ווען מען האט געזען שטערן.

דער מנהג פין 72 איז פין ד"ח און ווייטער (אפשר? איך בין נאך נישט אזוי זיכער), עכ"פ פין סאטמאר רב און קלויזענבערגער רב און ווייטער.

און דאס וואס יוחי שרייבט אז מען האט נישט מקבל שבת געווען פרי, אין ב"ח שטייט בפירוש אז דער מנהג פין יראי השם איז מקבל שבת זיין צוויי שעה פאר שבת, וואס דאס איז פאר דעם פלג פין מג"א. (עס איז אויך א בפירושע רמ"א אין שו"ע אז מען קען מקבל שבת זיין צוויי שעה פאר שבת).

**בעל_גאוה** • 27סטן דעצעמבער 2005

שלומשטוב:

איך האב נאכגעקוקט און משנה ברורה ווי ער שרייבט קלאר ביי חנוכה רעכנט מען פלג א שעה און א פערטל (75 מינוט) פאר צאת הכוכבים כשי' המג"א נישט פאר דער שקיעה כשי' הגר"א און דא איז מקורות

משנ"ב תרע"ב סק"ג מפלג המנחה הוא שעה ורביע קודם צאת הכוכבים וכו' ע"ש (אגב שעה ורביע איז 75 מינוט בימי

ניסן ותשרי אבער יעצט טבת איז עס וויניגער ווייל חשבינן שעות זמניות)

ובשעה"צ אות (ד) ח"א ואם הדליק קודם פלה"מ צריך לכבותה ולחזור ולהדליק

אויך בהל' ער"ש חנוכה סי' תרע"ט משנ"ב סק"ב בעוד היום גדול ודוקא אחר פלג המנחה שהוא שעה ורביע קודם הלילה כמ"ש בריש סי' תרע"ב

ובשה"צ (ד) מ"א ושאר אחרונים

במילא איז א פראבלעם וואס אונז טוען די וואך

אבער און ב"ח ריש סי תרע"ב ברעגט ער שי, היראים און ער פירט אויס אז וכדאי הוא ר"א ממיץ לסמוך עליו בשעת הדחק און מען קען צידן חנוכה ליכט 15 מינוט פאר דער שקיעה כיוון שא"א בענין אחר הייסט עס הכשר מצוה (אזוי שטייט פון תרומת הדשן)

אבער לכוארה לפי' שי' המ"א דארף מען צינדן שעה ורביע זמניות קודם צאת הכוכבים וואס עס איז די וואך בערך 4:36:23 און די שקיעה איז 4:37:36

און מאנסי פלג 4:35:26 שקיעה 4:36:50

מאנרא פלג 4:35:40 שקיעה 4:36:38

קיינער זאל נישט טוען אזוי למעשה ווייל איך וועל לכאורה אויך צינדן בעז"ה געווג פרי

**glickman** • 28סטן דעצעמבער 2005

ב"ה דזובוי

ענדליך איז שוין דא אין חדשות אנ"ש א תורהדיגע אטמאספערע

---

תורה און וויסנשאפט

# ליקוי המאורות – ווען די זון און די לבנה ווערן פארדונקלט

„והנה השמש והירח ואחד עשר כוכבים משתחוים לי" – יוסף האט געחלומט פון זון, לבנה און שטערן. „דיכטער" ערקלערט ווי אזוי א ליקוי חמה און א ליקוי לבנה קומען פאר, און פארוואס א חודש איז נישט אייביג גלייך לאנג.

פון **דיכטער** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „אסטראנאמיע – ליקוי המאורות" • 28סטן פעברואר 2024
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16905.html#p551881

### דער שטוינענדע וואונדער פון א ליקוי חמה

עס איז אויך מיט דער נייעס אז א פולע ליקוי חמה איז אויפן וועג און אלע עקליפס-ליבהאבער לויפן כאפן דער זעלטענע געלעגנהייט צו פאראייביגן דעם מאמענט.

א פולע ליקוי חמה געדויערט א מאקסימום פון אביסל וויניגער פון אכט מינוט וואו אין די פאר מינוטן פארדעקט די טונקעלע זייט פון דער לבנה, דער שיין פון דער זון און עס ווערט פינסטער אינמיטן העלן טאג.

כדי צו פארשטיין וואס דאס איז א ליקוי חמה און אזוי ארום אנערקענען דעם ווערד פון אזא געשעניש, איז וויכטיג פאר א רגע צו באגרייפן דאס באדייט דערפון, אז די לבנה וואס איז בערך א פערטל דער גרויסקייט פונעם ערד קוגל און געפינט זיך אומגעפער צוויי הונדערט און פופציג טויזענט קילאמעטער ווייט, זאל באדעקן מיט א שטוינענדע פונקטליכקייט, די זון וואס איז הונדערטע טויזענטע מאל גרעסער פון דער וועלט און געפינט זיך ארום הונדערט און פופציג מיליאן קילאמעטער ווייט פון אונז.

איינמאל מיר פארשטייען דעם האר-פונקטליכקייט וואס עס פאדערט זיך פאר אזא צוזאמטרעף, קען מען גיין ווייטער.

### וואס זענען די תנאים עס זאל זיך שאפן א ליקוי חמה

כדי עס זאל זיך שאפן א ליקוי, מוז די לבנה זיך געפינען פונקט צווישן דער זון און דער וועלט רעלאטיוו צו דעם אבזערווירער אויף דער ערד, טאמער געפינט זיך די לבנה א טראפ צו צפון אדער צו דרום, אזוי אויך צו מזרח אדער מערב, אינעם הימל,

וועט דער ליקוי נישט פארקומען און די זון וועט נישט פארדעקט ווערן.

## די לבנה'ס רייזע ארום דעם ערד-קוגל

ווי מיר ווייסן, רייזט די לבנה ארום דער וועלט פון מערב צו מזרח און פארענדיגט א רונד יעדער חודש.

די לבנה רייזט ארום דער וועלט אין א רינג. דער רינג אין וועלכע די לבנה רייזט, איז געבויגן אין פארגלייך צו דעם רינג וואס דער ערד-קוגל מאכט ארום דער זון מיט אומגעפער 5 גראד. דאס הייסט אז די לבנה רייזט ארום אינעם הימל עטוואס העכער אדער נידעריגער פון דער זון, פארנדיג פון מזרח צו מערב יעדן טאג. אינעם רינג זענען דא צוויי מאלן וואס דער קרייז פון דער לבנה טרעפט זיך מיטן קרייז פון דער זון, איינמאל אויפן וועג ארויף און איינמאל אויפן וועג אראפ. דעריבער וועלן זיין צוויי טעג יעדער חודש וואס די לבנה קרוסירט אויפן זעלבן קרייז אינעם הימל ווי די זון אבער בלויז צוויי מאל א יאר וועלן די טעג געפאלן אין א צייט וואס די זון געפינט זיך דעמאלס דארטן, דאס מיינט אז אין דורכשניט געפאלן צוויי ליקויי חמה יעדעס יאר.

די פראבלעם איז נאר אז דער פונקט וואו די צוויי רינגען טרעפן זיך, פארט אויך ארום און בלייבט נישט שטיין אויפן זעלבן ארט, וואס דאס מאכט אז די ליקויי חמה זאלן זיך רוקן יעדעס יאר מיט בערך א חודש.

## סארטן ליקויי חמה

עס זענען פארהאן פיר סארטן ליקויי חמה, געוואנדן אין דער געאמעטריע פון דעם ערד-לבנה-זון:

א פולע ליקוי, דאס איז ווען די לבנה באדעקט פאר עטליכע מאמענטן די גאנצע זון.

א האלבע ליקוי, דאס איז ווען די לבנה שפרייזט אריבער די זון, נישט פונקט אינעם צענטער, נאר ביי דער זייט.

א רינגליכע ליקוי, דאס איז ווען די לבנה געפינט זיך צו ווייט און איז צו קליין אין אונזער אויגן צו קענען באדעקן די גאנצע זון און עס פארמירט זיך א רינג ארום דעם שאטן פון דער לבנה, פון דעם חלק זון וואס די לבנה באדעקט נישט.

א געמישעכטס פון עטליכע סארטן.
א פולע ליקוי נעמט דער ווייניגסטע צייט און עס איז דער מערסטע זעלטן פון אלע אנדערע סארטן.

די ליקויי חמה קומען אין פארן מיט ליקויי לבנה. דאס מיינט אז ווען עס פאסירט א ליקוי חמה אנהייב חודש אדער סוף פונעם פריעדיגן חודש, וועט זיין א ליקוי לבנה אינמיטן חודש, כאטש וואס נישט אלעמאל פאסירן זיי העכער דער זעלבע געאגראפישע געגענט.

## דער עטוואס באאטישע קרייז פון דער לבנה

פאר טויזענטע יארן האבן מענטשן אבזערווירט אין אנגסט, ווי די ליכטיגקייטן ווערן מיסטעריעז געשלאגן און האבן זיך געוואונדערט מיט ציטער, וואס זיי טוען אנדייטן.

מיט דער צייט האבן מענטשן וועלכע האבן רעגלמעסיג אבזערווירט און נאכגעקוקט די ליקויים, אנגעהויבן איינצוזען אז זיי פאלגן נאך א געוויסע קרייז, דאס הייסט אז די ליקויים קומען פאר אין א געוויסע ארדענונג, וואו מען קען, כאטש אומגעפער, פארויס שאצן ווען און וואו אזעלכע ערשיינונגען וועלן זיך אויסשפילן אינעם צוקונפט. עס זענען פארהאן עטליכע מחזורים וועלכע די ליקויים פאלגן נאך און דרייען זיך ארום זיי. איינס אזא מחזור ווערט אנגערופן דער סאראס מחזור.

פארוואס איז עס אזוי שווער צו פארויסשאצן די ליקויים?

כדי צו פארשטיין פארוואס עס איז אזוי שווער צו שאצן ווען, וואו און וויאזוי, א ליקוי וועט פאסירן, מוזן מיר צום ערשט פארשטיין דער קרייז פון דער לבנה און ווי לאנג א חודש איז.

דער לענג פון א חודש.

דער לענג פון א חודש איז דער צייט וואס עס נעמט פון ווען די לבנה געפינט זיך אויף א געוויסע פאזיציע ביז ווען עס וועט זיך נאכאמאל געפינען אין דער זעלבער פאזיציע נאכן פארענדיגן א גאנצע רונדע.

עס זענען פארהאן עטליכע וועגן פון מעסטן דער לענג פון א חודש:

סינאדישע מאנאט (Synodic month) דורכשניטליכע לענג: 29.530 טעג

דער ערשטע - א סינאדישע מאנאט - דאס איז וואס מיר נוצן ווען מיר באציען זיך צו א חודש, פון איין מולד ביזן אנדערן, דאס איז ווי לאנג עס נעמט פאר דער לבנה פון ווען עס געפינט זיך צווישן דער וועלט און דער זון ביז ווען עס וועט נאכאמאל זיך געפינען אין דעם פאזיציע. דער לענג פון אט דעם חודש איז אומגעפער 29 טעג 12 שעה 44 מינוט מיט איין חלק, לויט דעם אידישן לוח. (עס איז מיט בערך א דריטל סקונדע לענגער ווי דער אנגענומענע לענג, צוטאגס)

סידעריאל מאנאט (Sidereal Month) דורכשניטליכע לענג: 27.321 טעג

דאס איז ווי לאנג עס נעמט פאר דער לבנה צו ענדיגן א גאנצע רינג ארום דער וועלט, דאס איז בערך 27 טעג און 7 שעה. דאס הייסט אין אנדערע ווערטער, די לענג וואס עס נעמט פאר דער

לבנה צו פארטיגן א גאנצע רינג ארום דעם גלגל המזלות. די סיבה פארוואס עס איז וויניגער פון א סינאדישע חודש איז צוליב דעם וואס דערווייל וואס די לבנה האט ארומגערינגלט די וועלט האט דאך דער גאנצע ערד-קוגל געשפרייזט ארום דער זון, וועט עס נעמען נאך בערך צוויי טעג ביז ווען די לבנה וועט אנקומען צום זעלבן פונקט צו דער ערד רעלאטיוו צו דער זון, דערפאר איז א סינאדישע חודש לענגער.

[פארקירצט]

## פון די תגובות

אין דעם זעלבן אשכול:

תרמב: מיין קאפ דרייט זיך... איך האב א ליקוי הראש...

הערליך! הערליך! נאך עטליכע ארטיקלען פון דיר און איך קען שוין אסטראנאמיע...

עה.. נישט ממש..

דיכטער: די שאלה איז צו דיין קאפ דרייט זיך אדער אפשר דרייסטו זיך און דיין קאפ בלייבט אויף איין פלאץ?...

קאווע שטיבל • „אסטראנאמיע – ליקוי המאורות“ • פעברואר 2024

אנשי שם • צו כ"ז כסלו

# רבי ברוך ראבינאוויטש, דער מונקאטשער רב

מאנטאג, כ"ז כסלו, איז די יארצייט פון רבי ברוך ראבינאוויטש, דעם איידעם און ממלא מקום פונעם מנחת אלעזר אין מונקאטש. אין קאווע שטיבל האט מען ארויפגעלייגט א בריוו פון זיין זון, דעם דינאווער רבי'ן, און צוגעלייגט זכרונות פון זיין שווערן לעבנסוועג.

פון **קאווע טרינקער, דולה ומשקה און אנדערע** • איסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • אנשי שם • „רבי ברוך ממונקאטש" • 22סטן אפריל 2012 – 1טן פעברואר 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/442.html

**קאווע טרינקער** • 22סטן אפריל 2012

בענין פעולות ההצלה של הרב ברוך רבינוביץ' זצ"ל, האדמו"ר ממונקטש

למערכת 'המעין' שלו' רב.

הראו לי את תגובתו של ר' אברהם מאיר גלאנצר נרו יאיר שהתפרסמה ב'המעין' ניסן תשע"א (נא, ג) עמ' 91-92, ובה הזכיר איך היתה לאאמו"ר הגאון הצדיק ר' ברוך יהושע ירחמיאל ראבינאוויטש זצ"ל, אב"ד ואדמו"ר מונקאטש, זכות להציל אלפי נפשות בשנות הזעם על ידי פקחותו ומסירות נפשו למען אחינו בני ישראל. כדאי לזכור שהוא היה אז בסך הכל אברך בן 26 שנה, ובגיל צעיר כזה היו לו חכמה ותבונה שרק יחידים בכל לדור זוכים להן.

בשעה שעסק בהצלה היתה אשתו הרבנית אמי הצדקנית חולה מאוד, זיכרה לברכה לחיי העולם הבא, והוא היה מטופל בבנים והיו לו טרדות עצומות, אבל בכל זאת שום דבר לא היה בכוחו לעצור את פעולותיו הכבירות, ויומם ולילה לא נח ולא נתן תנומה לעיניו כל זמן שהיה ביכולתו להציל אפילו נפש אחת מישראל. זכותו תגן עלינו על כל כלל ישראל.

חבל מאוד, כפי שהדגיש הרב גלאנצר, שכותבי ההיסטוריה רק כתבו מעט מזה. הוא בצדקו לא רצה לפרסם את זאת, וכמה פעמים כשביקשתי ממנו שיספר לי פרטי הדברים ענה לי בזה הלשון: דאס איז מיין פאס אויף יענע וועלט (=זה הדרכון שלי לעולם הבא), ולא סיפר לי כלום.

אולם מה שכתב הרב גלאנצר שהיתה לו משרה כמרצה באוניברסיטה של סאן פאולו - זה בהחלט לא נכון. האוניברסיטה הזמינה מפעם לפעם מרצים בתור אורחים באופן ארעי, שהיו מרצים על הרבה נושאים. את אבי זצ"ל הזמינו כמה פעמים לדרוש בפניהם מה זו יהדות אורטודוכסית. נסעתי פעם עמו ללוותו, ההרצאה היתה בעיקר לסטודנטים יהודים שלא ידעו לומר 'שמע ישראל'. וכשנסענו הביתה שאלתיו אם הוא חושב שהשומעים יהיו מעתה שומרי שבת, והוא ענה לי שאפילו אחד מהם לא יקבל עליו לשמור את דיני התורה. שאלתיו שוב אם כן מה התועלת מהדרשה, ענה לי, אם לא הייתי דורש והיו רואים יהודי עטור תפילין היו צוחקים ממנו וחושבים שיצא מדעתו, עכשיו שדרשתי לפניהם יהיה להם דרך ארץ לשומרי תורה, וזהו רווח עצום.

ברצוני להוסיף שמה שיודעים המעט על מה שפעל לטובת הכלל זה רק מה שפעל בהיותו בבודפעסט. הריני שולח צילום ממכתב שכתב למושל של סן דומינגו שבאיים הקאריביים, ד"ר טרוזילו, לבקשו בתחנונים שיואיל ליתן רשות למאה וחמישים משפחות יהודיות שגורשו מהונגריה לבוא לארצו. מכתב זה כתב בשנת תרצ"ט, כשהיה דר עדיין במונקאטש.

והנני חותם בכל הכבוד,

יצחק יעקב ראבינאוויטש, אבדק"ק דינוב, ברוקלין

**דולה ומשקה** • 23סטן אפריל 2012

א דאנק פאר ארויף ברענגען דעם נאמען פון איינע פון די גרויסע מוחות, אדם המושלם מאד, הגה"ק רבי ברוך ראבינאוויטש זצ"ל אבד"ק מונקאטש, פארשטייט איך נישט דעם קעפל פון דעם אשכול סוף סוף נאכן פטירה פון זיין גרויסע שווער בעל מנחת אלעזר זצ"ל איז ער געווארן אויף גענומען אלס אבד"ק מונקאטש ור"מ דישיבת דרכי תשובה.

ליידער ליידער אזא געלונגענער מענטש ידען, למדן, פה מפיק מרגליות, קול ערב ומתוק, וכו', איז געבוירן געווארן אונטער א שווארץ מזל, אדער בעסער געזאגט ס'נהפך געווארן מיט דער פטירה פון זיין גרויסע טאטע. [פארקירצט]
דער מזל האט איהם נישט גוט געשפילט אין דאס האט גורם

געווען צו אסאך עגמת נפש און אסאך געביטן אויף פאשידינע פלעצער און אופנים. [פארקירצט]

ס'דא דעם באקאנטן בילד פון איהם מיט רביה"ק רבי יואל טייטלבוים מסאטמאר זצ"ל בעת א מיטינג בשנת תש"ב, ווען ער איז געווען קוים א יונגערמאן פין עטליכע דרייסיג יאר.

ס'דא צו באקומען זיינע ספרים 'בינת נבונים', ווי אין דער הקדמה שרייבט ער זיינע מיטמאכענישן בשנות הזעם, אין ברמיזה זיינע הצלה פלענער ווי ער געהאלפן אין פרובירט צו העלפן מיט וואס נאר מעגליך.

בניו האדמו"ר ממונקאט שליט"א ורבי יעקב ראבינאוויטש אב"ד דינאוו ווילימסבורג שליט"א האבן ערשט לעצטנס אנגעהויבן צובילעך רעדן מער איבער זייער פאטער, וואס אין דער פארגאנגענהייט האבן זיי כמעט א שתיקה איבער זיין עקסטענץ.

כ'האב אנגעריירט אויף שפיץ גאפל, האפענטליך עוד חזון למועד.

**שמואל הלוי** • 24סטן אפריל 2012

איך האב געהערט פון מיין פאטער ז"ג אז קורץ נאך זיין ארויפגיין אין ארץ ישראל האבן מונקאטשער חסידים געוואלט זיין חנוכה ביי זיין ליכט צינדן, ער האט זיי אבער נישט געוואלט אריינלאזן חוץ איין נאכט, און לכבוד זיי האט ער געפראוועט א ליכט צינדן אויפן מונקאטשער נוסח מיטן גאנצן קנאק.

**איש עברי** • 6טן יאנואר 2014

איך האב הערשט געענדיגט ליינען די ביכל פון פעסקע פרידמאן, איך האב עס געליינט מיט איין אטעם, א הערליכע ביכל וואס חוץ פון דער אויטענטישקייט און שיינע סטיל פון שרייבן באקומט מען א נייע בליק אויף דעם נפש נקי וצדיק רבי ברוך'ל,
א פארצערטעלט פויליש קינד וואס איז אויפגעצויגן געווארן אין א ווארימע ליבליכע הויז ווי עס איז געווען א בעל בתיש'ע מלכות'דיגע געפירעכץ און אסטעטישע לעבנסשטייגער, מען האט אים פארקנס'ט צו דער טאכטער פון מונקאטש'ע רב [פארקירצט], ער איז אריין אין א שטוב ווי אלעס איז געווען פאר אים ווילד פרעמד, די פאנאטישקייט ווילדקייט קנאות און פרימיטיוויקייט, די אלע זאכן האבן אים נעבעך אויפגעגעסן, און צו דעם איז נעבעך ארויפגעפאלן אויף אים אן אחריות פאר טויזנטער חסידים ווען אין זיין נשמה איז ער געווען א פארצערלט קינד און נישט געהאט די כלים צו פארנעמען די עול און די ווייטאג פונעם ציבור.

די אלע זאכן לאזן א שווערע אפעקט אויף זיין פוטער ווייכע הארץ און זיין איידעלע נפש און קומט אן קיין ארץ ישראל צעבראכן און צעקלאפט, און פרובירט זיך אויפצובויען פון פריש דאן קפץ עליו רוגזו של הקנאים [פארקירצט] און זיי פארשמירן זיין נאמען אטאקירן אים און רודפ'ן אים עד חורמה ועד בכלל, מען נעמט אים אוועק די קינדער מען מאכט זיין לעבן א גיהנום....
און עד היום פיטערט מען אונז מיט שטותים איבער די מונקאטשע רב'ס איידעם וואס איז נחמץ געווארן, אלזא זאל קלאר ווערן איינמאל פאר אלעמאל ער איז נישט נחמץ געווארן קיינמאל! ער איז געווען א ירא ושלם עד יומו האחרון ער איז נאר געפאלן א קורבן [פארקירצט]

א טשיקאווע מעשה וואס איך האב געהערט פון א קראנטע מקור

נאך זיין שבע ברכות איז ער אמאל געזיצן ביי זיין שווער אין שטוב אויף א וועטשערע צוזאמען מיט זיין ווייב אויף איין טיש איז צוגעקומען זיין שוויגער און אים אויפגעמערקט אז ביי זיי פירט מען זיך נישט צו עסן מיט דעם ווייב ביי איים טיש און דערביי געזאגט "דיין שווער האט קיינמאל נישט געגעסן מיט מיר ביי איין טיש"
רבי ברוך'ל האט מיט א זיסקייט געענטפער שוויגער טייערע איך וואלט אויך נישט געגעסן מיט אייך ביי איין טיש!

**ארי נוהם** • 1טן פעברואר 2017

כווייס נישט פארוואס, אבער ר' ברוך'ל געט מיר די טשילס...
אין א גוטע וועג.

צווישן אלע ארגומענטן, האב איך ווייניג וואס געפונען מזאל זיך מתייחס זיין צום פאלגענדן פונקט: ר' ברוך'ל וואלט זיכער געווען א וועלטס רבי אויב די צווייטע וועלט מלחמה וואלט נישט אויסגעבראכן. די האלעקאוסט האט אים צושאסן פיזיש און גייסטיש, און וויפיל ער זאל נאר האבן געליינט און געגאשט און זיך אויפגעקלערט נאך בעפאר די קריג - כפי השמועה, וואלט ער ווייטער געצויגן די מונקאטשע חסידות נאר אן די מנחת אלעזר'ס ווילד-קנאישע שטריכן. סוף דבר וואלט ער אוועק אלץ צדיק יסוד עולם, גאר א מתנגד צו דער מדינה הציונות און אפילו די אגודה, און שלום על ישראל.

מה עשה הקב"ה? צוגעשיקט א חורבן, וואס האט חרוב געמאכט זיין אלטע השקפה, און אים אויפגעקלערט און געמאכט אז ער זאל גענצליך טוישן זיין מיינד סעט. די תוצאה איז געווען פאטאל, מ'האט אים צוגרינד געלייגט,

צוגענומען די רביסטעווע, זיין זון דער היינטיגער רבי איז געווען צעקריגט מיט עם, און ער איז פארבליבן מיט זיין בינת נבונים.

[פארקירצט]

הומאר

# „חלום חלמתי ופותר אין אותו“

יוסף איז געווען דער פותר חלומות פון שר המשקים און שר האופים. אין קאווע שטיבל האט „זר זהב“ פארגעלייגט א שפיל: שרייבט אריין א חלום, און ווער עס איז דער בעסטער פותר באקומט א לייק.

פון **זר זהב, קאווע טרינקער און אנדערע** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • א שמייכל • „חלום חלמתי“ • 8טן נאוועמבער 2012 – 2טן פעברואר 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2321.html

**זר זהב** • 8טן נאוועמבער 2012

ס'נישט קיין געלעכטער. אבער דאך, א חלום איז פאני, לייגיכעס דא אריין. כאמער גע'חלומט נעכטן ווי דער הייליגער חתם סופר לערנט אינעם ספר דברי יואל. איינער קען פותר זיין? איך האב נישט געטראכט א טאג בעפאר פון קיין איינע פון די אונגארישע צדיקים און אויך נישט געלערנט אין איינע פון די ספרים. וואסי פשט?

דער בעסטער פותר באקומט א לייק.

און אגב, שרייב דא וואס איר האט גע'חלומט. נאר כשר'ע.

**קאווע טרינקער** • 9טן נאוועמבער 2012

זר, לויט ווי ס'קומט מיר אויס און די סוגיא פון פרק הרואה אין מסכת ברכות, איז די פתרון פון דיין חלום ווי פאלגענד:
זייט די האריקען סענדי, זענען די ויואל משה'ס אין סאטמער'ע ישיבה פון סיגעיט אומנוצבאר. רביה"ק האט זיך מתלונן געווען פאר'ן כסא הכבוד "מה פשעי ומה חטאתי אז שפתותי איז נישט דובבות מחמת די שטורעם"?
איז געקומען א בת קול: איך וועל בעטהן ביי איינע פון די צדיקים פון גן עדן זאלן לערנען דיינע ספרים. דו האסט די ברירה צו בוחר זיין איינע פון זיי.
האט דער רבי בוחר געווען דעם צאנז'ער רב.
אבער צאנזע רב האט נישט געוואלט, זאגענדיג: איך בין יעצט טרוד, ווארום, דער וויזניצער רבי איז יעצט עולה אין מיין ספר תורה בבית משה שמואל זופניק.
האט דער רבי בוחר געווען דעם חתם סופר, אבער בתנאי אז ער וועט לערנען דברי יואל, נישט ויואל משה.
וכן הוה.

אז דו פרעגסט וואס איך האב געחלום'ט:
איך וועל דיר מגלה זיין
כ'האב געחלום'ט אז ארטסקול האט געדינגן מנשה פילאפ צו שרייבן א ביאור השוה לכל נפש אויף אורות הראי"ה.

(און אז מ'חלום'ט שוין. - די וואך האב איך זיך אנגעטראפן מיט א ספר "זר זהב", און ז. ברמן'ס געשעפט)

**שמעקעדיג** • 9טן נאוועמבער 2012

טרינקער, דו ביזט קעש!
א שאד אז דו ביסט נישט געווען אין די צייטן פון פרעה'ס חלום, אוי וואלטן מיר געהאט א שיינע פרשה צו לערנען אין חומש....

זר, וואו איז דיין לייק?
בעסערס פון דעם וועסטו ווארשיינליך נישט געפינען!

**זר זהב** • 9טן נאוועמבער 2012

פארוואס נישט ויואל משה?

**קאווע טרינקער** • 9טן נאוועמבער 2012

1) ווייל ס'איז א דעת יחיד
2) ענדעלט זייער צו זיין אייגן ספר "תורת משה", א בחינה פון גניבת דעת, מענטשן זענען זיך אפט טועה

**קאווע טרינקער** • 9טן נאוועמבער 2012

מהיכי תיתי
ס'איז סיווי נישט נוגע פאר היינט, ווייל כ'האב דיר שוין פריער געזען אין TASTE N TOSTE עסן א פיינע פרישטאג. סעיבל אויף א באגעט

**זר זהב** • 9טן נאוועמבער 2012

יענער איז געווען מיין צווילינג ברודער, איך בין נאך אין בעט. אחוץ אויב האסט מיר געזען אין חלום...

**גאלד** • 9טן נאוועמבער 2012

איך ווייס נישט צו ס'נאר מיר
אבער איך האב שטענדיג די סארט חלומות
אז איך בין שוין אויפן וועג צו גיין צו א געוויסער מקום
וואס איך האב גרויס השתוקקת צו גיין,
אבער איך קום קיינמאל אן אהין,
דער גאנצער חלום איז נאר מניעות,
אדער בלאנדשעט מען,
אדער האלט איינער אויף
אדער דערזעה זיך מיך צוריק ביים אנהויב,
וכדומה,
און איך וועק מיך אויף זייער דיסעפויטעד,
און ס'לויפט מיר דורך א געדאנק א שאד כאמען שוין אויפגעוועקט,
אפשר ווען איך שלאף נאך אביסל וואלט איך אנגעקומען אהין,

**ל.רוזן** • 10טן נאוועמבער 2012

זר, ביז איך האב גע'עפענט דער אשכול האב איך דיר געהאלטן פאר א קלוגער יונגערמאן

**נס קאווע** • 11טן נאוועמבער 2012

ס' ארום געגאנגען א מעשה אויף א איד אז דער רבי איז איהם געקומען אין חלום איז איהם איינער געגאנגען פרעגן האט ער געזאגט
מיינסט דער רבי האט נישט וואס צו טון נאר צו קומען מיר אין חלום כ' האב מיר געחלומ'ט כ' האב כעזען דעם רבין

**זאקען ורגיל** • 11טן נאוועמבער 2012

נו, וויאזוי האט יענער צדיק געענטפערט דעם איד'ל וואס איז געקומען מיט א בהלה אז ער האט גע'חלומ'ט כ'ווייס-וואס?

פאף וויניגער, ווערסטו וויניגער חלומ'ען...

**מיקוה נייעס** • 12טן נאוועמבער 2012

איך האב געחלומט די נאכט אז מיין שווער קויף מיר א שפאגעל נייע האנדע אדעסי קען דאס איינער פותר זיין????

**לעמיל** • 12טן נאוועמבער 2012

אז דו האסט געמאכט אן עקסידענט מיט זיין קאר און ער וויל דיך נישט מער בארגן זיין קאר איז האפסטו אז ער וועט דיך קויפן איינס

**קאווע טרינקער** • 12טן נאוועמבער 2012

יא, איך ווייס, אבער ס'איז מאחורי געשטימט.
כ'וועל זאגן בקיצור,
שווער איז מרמז אויף דיין בני בית
אדעסי, איז מרמז אויף הריון, א בחינה פון גדלות,
בשורות טובות

**ונבנתה העיר** • 2טן פעברואר 2015

א אידענע איז געגאנגען מתפלל זיין אויפן קבר פונעם ש"ך זי זאל האבן א קינד, באנאכט קומט ער צו איר אין חלום און איז מבטיח א בן זכר, און זאגט אן אז מען זאל איהם א נאמען געבן שבתי נאך איהם.

אינדערפרי זאגט זי צו איר מאן: זעסטו ווי חלומות זענען דברים בטלים, ער הייסט דאך שך, נישט שבתי...

**היסטאריע**

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 3טן דעצעמבער, אין פריערדיגע יארן? א מעשה פונעם בעל שם טוב וועגן א שניידער וואס האט נישט געקענט שווייגן, און א „שאלה“ פון א נייעם גאסט: פון וואנען שטאמט דער „מנהג“ פון חנוכה־וועיקעישאן?

**14**

יאר צוריק

2012

## רבי מענדעלע, דער שניידער און דער בעל שם טוב

**ברסלבער** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 3טן דעצעמבער 2012

אין שטאט פרימישלאן האט געוואוינט א איד רבי מענדעלע, מען האט אים גערופן "רבי מענדעלע פרימישלאנער", ער איז געווען א תלמיד פון בעל שם טוב ז"ע.
דארט אין שטאט האט אויך געוואוינט א שניידער, וואס פלעגט זייער אסאך מצער זיין דעם צדיק רבי מענדעלע, ער פלעגט אים זייער אנשרייען און פארשעמען יעדן טאג אן אויפהער.
רבי מענדעלע האט אים קיינמאל גארנישט געענטפערט, ער האט מקבל געווען די בזיונות באהבה, אזוי ווי זיין רבי דער בעל שם טוב האט אים אויסגעלערנט, נישט צוריק צו ענטפערן קיינמאל אויף בזיונות.
איינמאל איז דער בעל שם טוב אנגעקומען אין שטאט פרימישלאן, זיין תלמיד רבי מענדעלע האט אים אויפגענומען מיט פרייד, און געמאכט פאר אים א גרויסע סעודה, פאר דער סעודה האט רבי מענדעלע געבעטן פונעם שניידער: "יעצט איינמאל בעט איך דיר א טובה, אז היינט זאלסטו מיר נישט פארשעמען פאר מיין רבי'ן דער בעל שם טוב, און אויב דו וועסט מיר דאס נישט צוליב טון, וועל איך מוזן צושפארן די טיר, און דיר נישט אריינלאזן צו דער סעודה".
פארשטייט זיך אז דער שניידער האט שוין יעצט דוקא געוואלט אים פארשעמען, ווען רבי מענדעלע האט פארשטאנען וואס זיין פלאן איז, האט ער אים ארויס געווארפן, און צוגעשפארט די טיר, אז דער שניידער זאל אים נישט קענען פארשעמען.
דער שניידער האט זיך ארומגעדרייט די הויז, און געזוכט א וועג אריין, ביז ער האט געטראפן איין קליין פענסטערל וואס איז געבליבן אפן, און ער האט אנגעהויבן אריינצושרייען מיט קולות אויף רבי מענדעלע, אלע מיני בזיונות, און רבי מענדעלע איז געווארן זייער פארשעמט דערפון.
ווען דער בעל שם טוב האט געפרעגט פון רבי מענדעלע: "וואס מיינט דאס? ווער איז דאס?" האט ער דערציילט פארן בעל שם טוב: "דאס איז דער שניידער פון שטאט, וואס פארשעמט מיר יעדן טאג, איך בין עס אייביג מקבל באהבה, אבער היינט האב איך אים געבעטן, ער זאל מיר נישט פארשעמען פאר מיין רבי'ן, אבער ער האט דוקא יא געוואלט מיר פארשעמען.
האט אים דער בעל שם טוב געזאגט: "הלוואי וואלט איך געהאט אזא מענטש וואס זאל מיר פארשעמען יעדן טאג, אזוי ווי דו האסט זוכה געווען" ווייל די גרויסקייט פון איינעם וואסליידט בזיונות, קען מען גארנישט אפשאצן, און מען קומט אפ מיט דעם גאר אסאך, און דאס פארשפארט פארן מענטש אסאך אנדערע יסורים.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2447.html

13
יאר צוריק
2013

## פון וואנען שטאמט דער מנהג פון חנוכה־וועיקעישאן?

**טיטאניק און אנדערע** • קאווע שטיבל • געזעלשאפט • 3טן דעצעמבער 2013

העלא, איך בין א פרישער גרינער גאסט דא אין שטיבעל,
העלא העלא

איך וויל זייער אז דער עוילעם דא זאל מיר געבן צו פארשטיין, פון וואו עס שטאמט דער שווערער מנהג אז די מיידלאך (געוויסע זענען מחמיר אז אויך אינגלאך) האבן "וועיקעישאן" פון סקול אדער חיידער אין די טעג פון חנוכה,
די מעשה איז אז עס איז זייער א שווערע זאך פאר די עלטערן צו האלטן דעם מנהג מיט א פרייד, די יצר הרע מישט זיך שטארק אריין, און מען איז עס מקבל זייער שווער,
די עלטערן באקומען נישט קיין וועיקעישאן פון זייער ארבעטספלאץ, און זיי ברויכן זיך צו ספראוועווען מיט דעם פראבלעם "בעיביסהיטער" מנלן,
איך כאפ בכלל נישט פארוואס דער מנהג ווערט אנגערופן על שמם פון די "קינדער" סשיינט אז עס וואלט ווען געדארפט אנגערופן ווערן על שמם פון די "טיטשערס און מלמדים", ווייל איך גלייב שווער אז די קינדער האבן עפעס פון דעם, טאטע מאמע זענען נישט אין שטוב, זיי גייען גלות ליידן ביי דעם נערוועזן זיידע באבע, אדער ביי אומגעדולדיגע שכינים אדער גאר ביי פראפעזארישע בעיביסהיטערס,
און אויב איז דאס טאקע די וועיקעישאן פון די טיטשערס און מלמדים, וויל איך וויסן די טעם המנהג הזה, פארוואס די חשמונאים האבן דאס איינגעפירט, וואס ברענגט דאס אויף? וואס פארדינט מען דערויף? פארקערט, חנוכה פארט מען נישט קיין פלארידע, און אויך פארפאסן די כלי קודש נאך טעג וואס "קען אנקומען" טיפס...
עכ"פ, טייערע חכמים פון קאווע שטיבעל פארענפערט מיינע פארגעס, קלאר און דייטלעך אז עמך אידן זאלן עס אויך פארשטיין
און צי עס איז דא אופן וויאזוי צו מבטל זיין דעם מנהג טוב?
שקויעך
א גוט חנוכה

— קאווע טרינקער: דער מנהג איז מיט געקומען פון די צייטן וואס אונזערע זיידעס און באבעס האבן געלערנט אין דער גוישער שולע..
און דארט, ביי די גוים רח"ל, האבן די עלטערן אויך וואקאציע אין די טעג.
אזוי, אז מיר זענען קרח משם ומכאן.

— ובנתה העיר: שלום עליכם, טיטאניק, מיין זיידע פלעגט זאגן אז עס א זכר להשכיחם תורתך.

נאר מיט די בעיביסהיטערס זאלסטו אכטונג געבן, היינט איז מען זייער שטרענג מיט טשיילד אביוז...

— טיטאניק: נאר מיט די בעיביסהיטערס זאלסטו אכטונג געבן, היינט איז מען זייער שטרענג מיט טשיילד אביוז...

איך האב פארשטאנען אז עס "מיז זיין" פון נישט קיין "גוטע מקור"
הייסט לשיטתך איז עס גאר קיין מנהג נישט, ס'איז פשוט א גזירה?

— ראש הישיבה: מקור המנהג קומט פון דעם אז אלע אידן האבן געארבעט לויט די גוי'שע ארבעטס קאלענדער. דעמאלס האבן אידן אויך נישט געארבעט זונטאג. אויסער מוסדות אין סקולס האבן דגעדארפט זיין אפן זונטאג, על אף אז די פובליק סקולס זענען פארמאכט. ווייל זיי האבן געדארפט משלים זיין די למודי חול וואס זיי האבן נישט געלערנט צוליב די לומידי קודש. חנוכה וואס די עלטערן זענען געווען אינדערהיים, האט מען געגעבן צייט פאר די תלמידים/תלמידות צו פארברענגען/פארטיאינג מיט זייער פאמיליע.

— טיטאניק: הייסט אז מעלת כבוד ראש ישיבתינו האלט אז עס איז יא א מנהג?
אבער,תימא, אז זייט ווען זענען די עלטערן אינדערהיים חנוכה? כדענק אז דאהי רוב כלל ישראל זיצט ביי דער ארבעט חנוכה פונקט ווי א גאנץ יאר!?
און הא גופא קשיא ווי קען מען דאס טון צו עלטערן וואס ארעבטן ביטער שווער??..?.?

— שמעקעדיג: מי שענה לאבותינו בהאום-ווארק הוא יעננו בחנוכה.

— גנדי: ביטע שרייבט אונטער דער פעטיציע און פארשפרייט דאס...

Principals of Jewish Schools: Cancel the Chanukah Vacations!

— רויטע וואנצעס: פלעיגרופס האבן חנוכה וועקעישען, אבער נישט מיד-ווינטער. עולם הפוך ראית. חנוכה איז סאך שווערער צו טרעפן א בעביסיטער.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5349.html

---

**לוח**

# יארצייטן פון דער וואך

כ"ג–כ"ה כסלו. די רשימה איז צוזאמגעשטעלט געווארן אויף היידפארק אין תשס"ד (2003), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי הײַ־יאר. די רשימה אין ארכיוו גייט נאר ביז שבת קודש, כ"ה כסלו; די יארצייט פונעם מונקאטשער רב, כ"ז כסלו, געפינט איר אין „אנשי שם“.

פון **כינר1**

היידפארק • חסידישע נייעס • „הילולא דצדקיא“ • 14טן דעצעמבער 2003
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p5941401

---

**דאנערשטאג, כ"ג כסלו • 3טן דעצעמבער**

- הגאון ר' דוד ב"ר משה מנובהרדוק זצ"ל (בעמח"ס גליא מסכת) • תקצ"ז
- הרה"ק ר' אלימלך ב"ר משולם פייש הלוי מטאהש זי"ע • תש"ג

**פרייטאג, כ"ד כסלו • 4טן דעצעמבער**

- הרה"ק ר' משה פאנעט מדעעש ב"ר מנחם מענדל זי"ע • תרס"ג
- הרה"ק ר' חיים חזקיהו ב"ר רפאל מדיני זצ"ל (בעמח"ס שדי חמד) • תרס"ה

**שבת קודש, כ"ה כסלו • 5טן דעצעמבער**

- הרה"ק ר' יעקב ישראל ב"ר צבי הירש המגיד מקרעמניץ זי"ע (בעמח"ס שבט ישראל) • תק"ס
- הרה"ק ר' יעקב יוקל ב"ר אהרן עטלינגר זצ"ל (בעמח"ס ערוך לנר) • תרל"ז
- הרה"ק ר' חיים מאנטניא ב"ר ברוך מויזניץ זי"ע (בעמח"ס טל חיים) • תרצ"ב
- הגאון ר' אברהם מרדכי ניסים ב"ר עזרא הררי-רפול זצ"ל זקן רבני אר"ץ • תשנ"ב
- הרה"ק ר' יוחנן ב"ר דוד מרדכי טברסקי מטולנא זי"ע • תשנ"ט

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

וואס האט יוסף דערציילט פאר זיין טאטן, פון וואנען נעמט זיך דער „coat of many colors“, און א ווארט פאר די וואס לויפן ערב יום טוב.

## „ויבא יוסף את דבתם רעה“

**יין שרף:**

ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם, יוסף האט געזאגט פאר זייער טאטע אז זיי עסן אבר מן החי. תרגום יונתן זאגט אז "זיי עסן דאס פלייש פון די אויער און פון די ווידל וואס זיי פליקן אראפ פון א לעבעדיגע בהמה"...

שרייבט דער פירוש יונתן: „ושמעתי שכן דרך הרועים בארץ ישמעאל לחתוך אוזן וזנב הבהמה כשהיא חולה כדי שתחזור לבריאותה, וכן הם עשו לרפואה, ויוסף לא ידע כלום מרפואה זו וסבר שלאכילה חתכו.“

קאווע שטיבל • „ס'איז מיר געווען אינטערסאנט ווען כ'האב געזעהן...“ • 12טן דעצעמבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3945-3.html#p240635

## כתונת פסים — a coat of many colors

**ונבנתה העיר:**

זוכענדיג לעצטענס איבער דעם ביבלישן יוסף האב איך עטליכע מאל באמערקט אז יעדער בר בי רב דחד יומא ווייסט אז יוסף האט געהאט א coat of many colors, עס איז אפי' דא א ניגון מיט דעם נאמען, און עס איז מיר נישט אריין אין קאפ, פון וואו נעמען זיי דאס אז ער האט געהאט אזא בגד?

האט מיר היינט אויפגעבליצט א געדאנק אז דאס קומט אפשר פון כתונת פסים, 'פס' מיינט דאך עפעס א שטרייף אין עברית [פסי ביראות?], נא, ווי אזוי ווערט א בגד געשטרייפט? אז יעדע שטרייף איז אן אנדערע קאליר פון זיין שכן, מה עשה הקב"ה, איך האב נאכגעקוקט אין בייבל, און יא, דארט טייטשט ער בפירוש אז דער פאטער יעקב האט איהם געמאכט א מאנטל פון פילע פארבן.

וויפיל פשטים איך נישט געהערט אויף כתונת פסים האב איך דעם פשט נאכנישט געהערט. [פארקירצט]

קאווע שטיבל • 23סטן נאוועמבער 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4516-3.html#p164237

## „חשתי ולא התמהמתי“ — ווער איז א זריז?

**דריידל:**

כ'אב געהערט אמאל א טייער ווארט בשם הרב קאפלמאן ז"ל. שטייט "חשתי ולא התמהמתי לשמר מצותיך", לכאורה פארוואס פעלט אויס דער דאפלטער לשון, חשתי ולא התמהמתי? האט ער געענטפערט אז א זריז איז נישט דער וואס לויפט צופרי צו כאפן דעם באס. א זריז איז דער וואס שטייט אויף גענוג פרי און רעכנט זיך אויס ער זאל נישט דארפן לויפן די לעצטע מינוט. דאס האט דוד המלך געזאגט, חשתי אבער ולא התמהמהתי.

קאווע שטיבל • „יעדער איז ביזי, אלעס לויפט און גאלאפירט“ • 17טן מערץ 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6091.html#p190993

---

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אין קאווע שטיבל האט „שמעקעדיג“ אנגעהויבן א רשימה פון פסוקים וואס ווערן „אביוזט“ אין די צייטונגען, און די חברים האבן צוגעלייגט. ווען „אייניקעל“ האט צוגעלייגט „האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה?!“, האט „berlbalaguleh“ זיך דערמאנט אין א פסוק פון אונזער סדרה – „והילד איננו“:

> דאס דערמאנט מיך א מעשה וואס פאסט פאר מילתא דבדיחותא:
>
> אינדערהעים אין איינס פון די שטעטלעך פון מארמאראש איז א בחור פון 15 יאר פלוצלינג נעלם געווארן.
>
> די גאנצע שטאט איז אריין אין א זוך אקציע. מ'האט איהם ארומגעזוכט איבעראל. קורץ פאר מנחה רוקט זיך דער בחור אן. זיין טאטע איז אויך דארט געווען. רופט ער זיך אן... "והילד איננו. דער בחור איז דא"...
>
> שוין. ווער ס'האט פארשטאנען דעם דזשאוק קען יעצט לאכן...!

**berlbalaguleh** • קאווע שטיבל • 30סטן יוני 2024
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9861-2.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „„אי' הקדשה היא בעינים על הדרך““ · **גרוש**<br>קאווע שטיבל · אחיעזר · אשכול „אי' הקדשה היא בעינים על הדרך“ · 3טן דעצעמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9869.html#p311175 |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „וואס טייטשט „כתונת פסים“? און ווי האט געהייסן פוטיפר'ס ווייב?“ · **קרעמער, פענסטער, זארעכפעפער און אנדערע**<br>היידפארק · היימישע קרעטשמע · אשכול „~~~פראגע אויף פרשת וישב~~~“ · 18טן–25סטן דעצעמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1721069.html |
| **הלכה־שמועס** | „ערב שבת חנוכה: צינדט מען פאר אדער נאך פלג המנחה?“ · **בעל_גאוה, שלומשטוב און אנדערע**<br>היידפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · אשכול „זמן הדלקה ער"ש חנוכה – אחר פלג המנחה“ · 25סטן–28סטן דעצעמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1732967.html |
| **תורה און וויסנשאפט** | „ליקוי המאורות – ווען די זון און די לבנה ווערן פארדונקלט“ · **דיכטער**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „אסטראנאמיע – ליקוי המאורות“ · 28סטן פעברואר 2024<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16905.html#p551881 |
| **אנשי שם • צו כ"ז כסלו** | „רבי ברוך ראבינאוויטש, דער מונקאטשער רב“ · **קאווע טרינקער, דולה ומשקה און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · אנשי שם · אשכול „רבי ברוך ממונקאטש“ · 22סטן אפריל 2012 – 1טן פעברואר 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/442.html |
| **הומאר** | „„חלום חלמתי ופותר אין אותו““ · **זר זהב, קאווע טרינקער און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · א שמייכל · אשכול „חלום חלמתי“ · 8טן נאוועמבער 2012 – 2טן פעברואר 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2321.html |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „רבי מענדעלע, דער שניידער און דער בעל שם טוב“ · **ברסלבער** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 3טן דעצעמבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2447.html |
| **היינט מיט 13 יאר צוריק** | „פון וואנען שטאמט דער מנהג פון חנוכה־וועיקעישאן?“ · **טיטאניק און אנדערע** · קאווע שטיבל · גוזעלשאפט · 3טן דעצעמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5349.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **כינר1** · היידפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 14טן דעצעמבער 2003<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p5941401 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„ויבא יוסף את דבתם רעה““ · **יין שרף** · קאווע שטיבל · „ס'איז מיר געווען אינטערסאנט ווען כ'האב געזעהן....“ · 12טן דעצעמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3945-3.html#p240635 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „כתונת פסים – a coat of many colors“ · **ונבנתה העיר** · קאווע שטיבל · 23סטן נאוועמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/4516-3.html#p164237 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„חשתי ולא התמהמתי“ – ווער איז א זריז?“ · **דריידל** · קאווע שטיבל · „יעדער איז ביזי, אלעס לויפט און גאלאפירט“ · 17טן מערץ 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6091.html#p190993 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **berlbalaguleh** · קאווע שטיבל · 30סטן יוני 2024<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9861-2.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 7טן דעצעמבער – נומער 14; דאנערשטאג, דעם 10טן דעצעמבער – נומער 15, אויף פרשת מקץ און חנוכה

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.